בס"ד

# אבותינו בולעטין

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון "אבותינו"

זכרון מרדכי
על שם הרבני החסיד ר' מרדכי בערקאוויטש ז"ל

פרשת בחקותי תשפ"ד
גליון 693
5.30.24

לרגל סיומא דעבוה"ק בעיר שעניא, סלאוואקיי,
עלינו להעלות לשבח ולברכה אלו אנשים חשובים אשר עסקו זה רבות בשנים
החל משנת תש"ס עדי זכינו לגומרה של מצוה בשנת תשפ"ד

הגה"צ אב"ד יעמערינג שליט"א
הגה"צ ר' יושע ליבערמאן שליט"א
ר"י כולל שומרי החומות
הרה"ח ר' חיים רפאל פערענץ שליט"א
הרה"ח ר' יחיאל מיכל פישביין שליט"א
הרב בעריש מאנדל – גרינפעלד שליט"א
הרבני החסיד ר' ישראל איסר גרינפעלד ז"ל
משפחת הגה"צ ר' טובי' ליבערמאן זצ"ל
אב"ד האליין
הגה"צ אב"ד שעניא שליט"א
הרה"ח ר' משה גרינפעלד שליט"א
הרה"ח ר' שמואל ליבערמאן שליט"א

## אונטער-אפשא, אוקריינע

# שועלים הלכו בו!

בילדער ווי שאף פאשען צווישן די מצבות
אין א שרעקליכן בזיון פאר'ן ביה"ח






## שעניא, סלאוואקיי – מנו"ק של הגה"ק ר' יצחק יודא ובנו ר' שמעון ליעבערמאן זצ"ל

פארענדיגט געווארן שיפוץ ותיקון מצבת הגה"ק רבי שמעון ליעבערמאן זצ"ל
בנדבת משפחת הרה"ח ר' יצחק אייזיק רייך שליט"א –
בראשות בניו האחים הח' הרה"ח ר' חיים ארי' ואחיו הרה"ח ר' יוסף שליט"א

### סקירה קצרה פון די עבוה"ק ביז אהער:



ראשי משפחה פאראנדלען מיט'ן מעיאר ביי די ביה"ח



בשעת'ן אויפשטעלן די ערשטע 140 ! מציבות





עבוה"ק אויפן חלק ביה"ח וואס איז צוריקגעקערט געווארן בהשתדלות רב - נאך גרויס מיה איז בס"ד אנדעקט געווארן צענדליגער מציבות ובתוכם מנו"ק פון הגאון רבי שמעון זצ"ל




## נאסויד, רומעניע

### היסטארישע מעמד הקמת המצבה פון הרב החסיד רבי דוד הארניק זצ"ל

בראשות הרה"ג ר' **יוסף דוב לאנדא** שליט"א
רב דביהמ"ד זלאטשוב קרית יואל,
ובנו הטפסר הנגיד הרב **יואל לאנדא** שליט"א




## נאסויד, ראמעניא: עראינירונגען פון א משתתף

געהויבענע מינוטן זענען פארגעקומען דעם ל"ד בעומר ווען איבער הונדערט אייניקלעך האבן זיך פארזאמלט אויפן בארג אינעם נאסויד'ער בית החיים, און געזאגט די קאפיטלען פון תמניא אפי, געזינגען ניגוני התעוררות, געצינדן ליכט, און מתפלל געווען ביים לייגן די נייע מצבה פון זייער זיידע **הרב ר' דוד הארניק זצ"ל** וועמענ'ס מקום מנוחה איז פריש אנטדעקט געווארן מיט סייעתא דשמיא. **די נייע מצבה איז פאכמאניש אהערגעשטעלט געווארן דורכן באקאנטן בנש"ק הרב יוסף מייזליש שליט"א.**

דער נפטר רבי דוד איז געבוירן אין טלוסט גאליציע צו זיין הייליגן פאטער **הצדיק המקובל רבי שלמה זצ"ל בעל עטרת שלמה (מנו"כ בצפת),** און זיך געצויגן קיין ביסטריץ רומעניא, און דערנאך אינעם דערפל סאלווא. ר' דוד איז געווען אן ערנסטער תלמיד חכם און בעל חסד. זיין ישרות און ערענטליכקייט איז געווען א שם דבר. ער האט זוכה געווען צו בנין וחתנין רבנן, צווישן זיי דער איידעם **הגה"צ רבי ראובן יואל הארפענעס זצ"ל דומ"ץ טעלטש.**

**אונז האבן נישט געגלייבט וואס אונז זען מיט אונזערע אויגן, ווי דער פארשטופטער בית החיים געפונט זיך אויף א גאר שווערע פארלאזטע בארג. מיר אלע האבן זיך גע'חידוש'ט אז עס איז נאך געבליבן א זכר פונעם קבר. אונז האבן זיך געפריידט צו טרעפן אבותינו'ס מפקח ידיד נפש כל חי ר' שמואל סאבו הי"ו, ווי ער שטייט איבער זיינע בעלי מלאכה, צו בויען דעם נייעם גדר, און רייניגן דעם בית החיים. די חשוב'ע אייניקלעך זענען אלע נתפעל געווארן פון די עבודת הקודש דורך אבותינו צו באשיצן בתי עלמין. מיט די אייגענע אויגן האט זיך פיל בעסער פארשטאנען די וויכטיגקייט. אונז האמיר געזען בחוש וויאזוי דער הייליגער ארט האלט אינמיטן באקומען א צורה פון א בכבוד'יגער בית החיים, עטליכע חשוב'ע אייניקלעך האבן אויפגעטרעטן מיט הארציגע ווערטער צו דערמאנען די זכות פונעם ראש המשפחה רבי דוד הארניק זצ"ל, אז ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אלע וואס שטרענגען זיך אן פאר זיין כבוד.**

מיט א חרדת הקודש האט מען געהערט א לייוו-הוקאפ דורך **הגה"צ רבי ישראל דוד הארפענעס שליט"א** וועלכער האט פארגעזאגט די קאפיטלען אותיות מצב"ה, דער רב שליט"א האט משמיע געווען דעם דבר ד' און אונז אלע מעורר געווען. מ'האט געפילט ווי מ'איז בוקע רקיעים ביים זאגן דעם יהי רצון נאך תהלים, און דער זיידע איז זיכער דא מיט אונז און ער בענטשט יעדן איינעם מיט השפעות און ישועות.

**עס איז געווען א זעלטענער ערשיינונג, אז א איד וואס האט פארלאזט דעם וועלט פאר איבער הונדערט און פערציג יאר צוריק, זאל זוכה זיין צו האבן אזא ריזן ציבור פון אייניקלעך יראים ושלימים מכל קצוי תבל וואס קומען מתפלל זיין ביי זיין קבר. עס האט זיך געשפירט אז דאס איז א הימלישע מתנה וואס דער נפטר האט זוכה געווען ולאו בכל יומא איתרחיש.**

מדור מיוחד: בעד אלו גאו"ק זי"ע אשר היארצייט חל בשבוע זו ומנו"כ בהביה"ח שנבנו ע"י: **כ"ג אייר:** רבי יוסף ב"ר שמעון ראזענפעלד זצ"ל אב"ד **גרויסווארדיין** | **כ"ה אייר:** רבי ישראל יעקב יוקל ב"ר מנחם מענדל (לינסק) הורוויץ-רובין זצ"ל אב"ד **באלחוב** | **כ"ו אייר:** רבי פנחס אלימלך ב"ר אלי' (חתן נוע"א) עלאוויטש זצ"ל **מזבארוב** | רבי הלל מאיר משה ב"ר פנחס הכהן שטיינער זצ"ל אב"ד **אילאק**

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC) aka - Avoyseinu
18 Heyward St., Suite 200, Brooklyn, NY 11249 T: 718-640-1470 F: 718-228-8368 E: info@hfpjc.com
Mailing Address 199 Lee Avenue #1114 Brooklyn NY 11211
Affiliated Organizations: London: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe • E. Yisroel: Asra Kadisha

HFPJC • אבותינו